# נייעס איבערזיכט פון דער וואך:

## אבאמא באפרייט 46 דראג ארעסטאנטן

פרעזידענט אבאמא האט מאנטאג רעדוצירט די טורמע אורטיילן פון 46 ארעסטאנטן אויף דראג פארברעכענס אין וואס עס איז נישט געווען קיין געוואלדטאטן, זאגענדיג אז זייער שטראף פאסט זיך נישט צו זייער פארברעכען. אין דעם איז אריינגערעכענט 14 וועלכע האבן געהאט א שטראף פון לעבענסלענגליכע טורמע.

רוב פון די 46 האבן באקומען מינימום 20 יאר טורמע, אונטער די שטרענגע דראג פאר־אורטיילונג געזעצן. אבאמא איז זייער "קארג" מיט געבן באגנאדיגונגען, ער האט איצט אויף איינ־מאל געגעבן מער באגנאדיגונגען ווי אין די ערשטע 6 און א האלב יאר אלס פרעזידענט! רוב פון זיינע באגנאדיגונגען זענען געווען פאר ארעס־טאנטן וואס זענען פאראורטיילט געווארן פאר דראג פארברעכענס, און זענען נישט געווען פאר־מישט אין קיין געוואלדטאטן. ביי די איצטיגע בא־גנאדיגונג איז די רעדע פון קאמיוטעישאן, וואס מיינט ענדערן דעם שטראף אורטייל, נישט א "פארדאן", וואס מיינט אינגאנצן אפשאפן דעם שולדיג אורטייל. אין אנדערע ווערטער, די אלע ארעסטאנטן בלייבן ווייטער פאראורטיילט אלס פארברעכער, נאר זיי וועלן ארויסגעלאזט ווערן פון די טורמע, עס ענדיגט זייער שטראף.

אבאמא האט געשריבן א פערזענליכן בריוו צו יעדן פון די 46 מזל'דיגע, אין וואס ער האט זיי איינגעמאלדן זיין באגנאדיגונג באשלוס. צ.ב.ש., אין א בריוו צו איינעם וואס האט באקומען 30 יאר טורמע פאר קאנספיראציע צו פארלעצן געזעצן קעגן קרעק-קאקעין, האט אים אבאמא אויסגע־לויבט פאר ווייזן מעגליכקייטן צו טוישן זיין לע-בן. עס איז געווען אין דיר אויסצונוצן די געלע־גנהייט. עס וועט נישט אנקומען לייכט, דו וועסט זיין אויסגעשטעלט צו א סאך מענטשן וועלכע צווייפלען צי מענטשן מיט א קרימינאלן רעקארד קענען זיך טוישן.

דער ווייסער הויז אדוואקאט ניעל עגעלסאטן האט פאראויסגעזאגט אז דער פרעזידענט וועט ארויסגעבן נאך מער אזעלכע באגנאדיגונגען אין זיין פארבליבענע צייט אין ווייסן הויז, אבער דער

(פארזעצונג אויף זייט 13)

## רעפובליקאנער סענאטארן וועלן שטערן דערנענטערונג צו קובא

סענאטאר מיטש מעקאנאל, דער רעפובליקאנער מאיאריטעט פירער פון סענאט, האט זונטאג גע־זאגט אז דער קאנגרעס וועט ווארשיינליך שטערן כאטש וועמען פרעזידענט אבאמא וועט נאמינירן אלס אמבאסאדאר קיין קובא, און וועט אויך אנהאלטן די ברייטע עקאנאמישע סאנקציעס. מעקאנאל האט געזאגט אז דער קאנגרעס האט איינגעשטעלט סאנקציעס, און עס וועט זייער שווער אנקומען פאר די אבאמא אדמיניסטראציע דאס אפצושאפן. דאס (דערנענטערן צו קובא) איז א פאליסי קעגן וואס עס איז דא א שטארקע אפאזיציע אין קאנגרעס.

די קאנסטיטוציע ערלויבט פאר'ן פרעזידענט צו נאמינירן אמבאסאדארן קיין אויסלאנד, אבער דאס דארף באשטעטיגט ווערן דורכ'ן סענאט. אין דעצעמבער האט אבאמא געמאלדן אז ער וועט נוצן זיין עקזעקטיווע מאכט צו ברענגען מער נארמאלע באציאונגען מיט קובא און פירער פון ביידע לענ־דער האבן שוין געמאלדן אז זיי האבן דערגרייכט א פארשטענדיגונג איבער ווען צו באנייען די דיפלאמאטישע באציאונגען. מ'זעט שוין א גרעסערן פארקער, מער מענטשן ווילן פארן קיין קובא אויף באזוכן, וואס אויך די צוימונגען אויף דעם וועט איצט פארלייכטערט ווערן, וואס דער פרעזידענט קען דאס אליין טאן אויף זיין אייגענע האנט.




עס איז אבער געוואנדן אין קאנגרעס צו ערלויבן א פולע פרייהייט פון רייזעס און פולע האנדעל צווישן די 2 לענדער, און אזוי ווי די רעפובליקאנער האבן די מאיאריטעט אין ביידע הייזער פון קאנ־גרעס, קענען זיי שטערן אזא דערנענטערונג, ווייל א סאך רעפובליקאנער זענען קעגן פארבעסערן באציא־ונגען מיט קובא זאגענדיג אז דאס וועט בלויז פאר־שטארקן די מאכט פון די קאמוניסטישע פירער אין לאנד.

אויך האבן רעפובליקאנער מורא אז זיי וועלן אויפרעגן די קובאנער וואס זענען אנטלאפן און האבן זיך באזעצט אין פלארידא און שטיצן די רע־פובליקאנער פארטיי. דאס איז אבער א שטעקן מיט 2 עקן, ווייל אויב די רעפובליקאנער וועלן באקעמפן בעסערע באציאונגען מיט קובא קען דאס אויפרעגן אנדערע קובאנער און בכלל שפאנישע אפשטאמיגע, וועלכע וועלן דאס זען ווי נאך א באשטעטיגונג אז די רעפובליקאנער זענען די פארטיי וואס איז קעגן מיניאריטעטן.

פרעזידענט אבאמא האט שוין געזאגט אז די ערשטע סיגנאלן פון א דערנענטערונג מיט קובא האט שוין געברענגט רעזולטאטן, ווייל זינט דעצעמבער פארהאנדלעט די קובאנער רעגירונג ווי אזוי צו רעארגאניזירן איר עקאנאמיע. עס איז געווארן א מצב אונטער וואס קובא האט שוין באשטעטיגט הונדערטער פריוואטע ביזנעס אונטערנעמונגען כאטש אפיציעל דארף נאך אלעס ווייטער גיין אויפ'ן קאמוניסטישן שטייגער. איין היכער קובאנער באאמטער האט אויפגעקלערט, אז קיינער וויל נישט נעמען אויף זיך דאס אחריות צו געבן אן ערלויבעניש פאר א פרישע סארט ביזנעס אז עס זאל מעגן פריוואטיזירט זיין, ווייל מ'טרויט זיך דאס נישט, אזוי ווי עס גייט קעגן קאמוניזם, אבער פארקערט וויל מען אויך נישט טאן, מ'וויל עס נישט פארבאטן, מ'וויל דאס נישט אפשטעלן. אזוי גליטשט זיך צוביסלעך קובא אוועק פונעם "עכטן" קאמוניסטישן איינפיר.

מענטשן רעכטן אקטיוויסטן זענען אבער נאך פול מיט טענות איבער די פארלעצונגען וואס קר־מען נאך אלץ פאר אין קובא, אריינגערעכענט דאס ארייינשליידערן אין טורמע פאליטישע קעגנער אן קיין סיבה. איצט האט סענאטאר מעקאנאל איינגעמאלדן פאר פרעזידענט אבאמא אז עס וועט אים נישט אזוי לייכט אנקומען צו נארמאליזירן באציאונגען מיט קובא, און דאס איז אוודאי נישט געקומען ווי אן איבערראשונג פאר אבאמא, וועלכער געדענקט נאך זיכער גאנץ גוט ווי אזוי מעקאנאל האט יארן צוריק, דערקלערט אז דער הויפט ציל פון די רעפובליקאנער וועט זיין צו באזיגן פרעזידענט אבאמא, און צו שטערן אים אויף שריט און טריט.

Shema Kolainu
HEAR OUR VOICES
School & Center for Children with Autism

שמע קולנו

# Annual Legislative Breakfast

**Wednesday, July 22, 2015**

**8:15 AM**

**Renaissance Ballroom**

**5902 14th Avenue - Brooklyn, NY 11219**

**RSVP is Mandatory**
**Email SK@TheFriedlanderGroup.com**

**PROGRAM**



***Joshua Weinstein, Ph.D., M.B.A.***
Founder & CEO of Shema Kolainu - Hear Our Voices

***~ Honorees ~***

***Dr. Merryl H. Tisch***
Chancellor - New York State Board of Regents



***Honorable Andrew Cohen***
New York City Council Member Chair
- Committee on Mental Health

Shema Kolainu-Hear Our Voices is proud to present its Appreciation Award to Council Member Andrew Cohen for his leadership and advocacy ensuring that the New York City Council continues to allocate funding for the Autism Awareness Initiative, as well as his tireless efforts to ensure that his fellow New Yorkers living with disabilities continue to be represented and guaranteed equal rights.

***Tantzers***

*Accepted by: Zelig Friedman*



Tantzers טאנצערס

*~ Breakfast Co-Chairs ~*




***Abe Biderman - Abe Eisner***

*~ Masters of Ceremony ~*

***Menachem Lubinsky - Kalman Yeger***




Program coordinated by

The Friedlander Group